UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Dos Zeygerl / The Watch

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/3bb9s39b

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 92(1)

Author
Celia Landau, Tsile Landa /

Publication Date
1978-10-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

צילה לאַנדאַ / בוירקלי

# דאָס זייגערל

(פאַרצייכענונג)

געווען איז אַ ליכטיקער נאָוועמבער פרימאָרגן אין 1975 ווען מיר זענען אַריין אין דער גרויסער צירונג־קראָם. דער באַלעבאָס אָדער אָנגעשטעלטער האָט אונדז באַגעגנט אַ צעשמייכלטער, ווי געוויינטלעך מ׳קומט אַנטקעגן אַ קונה. (מיר זענען דאָ געווען אַ וואָך פריער אָנקוקן אַ זייגערל — אַ מתנה פון מיין מאַן צו אונדזער חתונה יובילײ).

דאָס זייגערל וואָס האָט פאַרכאַפּט מיין אויג איז געגאַנגען פון מיין האַנט צו מיין מאַנס האַנט. געפעלן — יאָ, אָבער דער פרייז איז געווען צו הויך. מיר האָבן זיך געקווענקלט, געלאַכט און באַטראַכט. דער יונגערמאַן איז געזעסן געדולדיק, באַטראַכטנדיק אונדז זייטיק און לסוף געזאָגט: אויב איר קענט מיר ברענגען אַ וואָסער ס׳איז זייגערל אין אַ וועלכן צושטאַנד דאָס זאָל ניט זיין, ווי אַלט ס׳זאָל ניט זיין, וועל איך אַרונטערלאָזן פון פרייז צוואַנציק פראָצענט.

„צופרידן איך צו זען", האָט זיך צעשמייכלט דער זעלבער יונגערמאַן בעת איך בין צוריק געקומען און האָב אים געוויזן אַן אַלט פאַרזשאַווערט זייגערל. באַלד האָט ער זיך גענומען מאַכן דעם חשבון.

פון זיך אַליין האָבן זיך מיינע פינגער פאַרשטייפט אַרום זייגערל. זכרונות האָבן מיך געטאָן אַ טראָג אַוועק צום יאָר 1945 אין חודש אַפּריל. דעמאָלט האָט שוין דאָס זייגערל געהאַט אַ פאַרגאַנגענהייט, אַ געשיכטע פון אַ האַנט און אַ געלענק וואָס דאָס רימענדל האָט געטריי אַרומגענומען. פאַר מיר האָט דאָס זייגערל אָפּגעצייכנט דעם סוף פון בערגען־בעלזען, ווען די ענגלישע דיוויזיע האָט איבערגענומען און באַפרייט דעם לאַגער.

ס׳איז געווען אַ געוויינטלעכער אומעטיקער שטילער פרימאָרגן, נאָר עפּעס דאָך ניט געוויינטלעך. געווען ווינציקער ס.ס. שומרים. ביי איז געווען די ווייסע אָרעמבענדער וואָס זיי האָבן געטראָגן. אויסער דעם איז ניט געווען קיין אָנזעעוודיקע ענדערונג. אַ ביסל שפּעטער האָבן מיר דערהערט עפּעס אַ דונערן, אַ קנאַלן, אַ הילכן. מיר האָבן געמיינט אַז די אַליאירטע אַרמייען באָמבאַרדירן די געגנט. מיט ברייט צעעפנטע אויגן האָבן מיר אַרויסגעקוקט פון אונדזערע טונקל־ענגע באַראַקן און דערזען רייען און רייען בריטישע טאַנקען פּאַמעלעך זיך ציען איבער דער גאַס פון הויפּט־לאַגער. די פון אונדז וואָס האָבן זיך נאָך געקענט באַוועגן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די שטעכלדראָטן און געגאַפט און געשטוינט: איז דאָס וואָר? איז שוין דער סוף געקומען צו אונדזערע ליידן?!

די שטילקייט פון ביידע זייטן שטעכלדראָט איז געווען נאָר טויב צו ווערן. די ענגלישע סאָלדאַטן האָבן אונדז אָנגעקוקט מיט שוידער אין די אויגן, און מיר, די איינוווינער פון פאַרוויסטונג האָבן זיי אָנגעקוקט מיט שטומער שוינונג. מיט אַ מאָל איז די שטומקייט צעריסן געוואָרן ווען אַ פרוי האָט מיט ניט איר קול אויסגעשריגן אין יידיש: „די ענגלענדער זענען דאָ! מיר זענען פריי! פריי!" דאָס צעטומלעניש, די באַפרייטע געשרייען פון פאַרשטיקעניש אַרויס, די טרערן און היסטעריש געלעכטער איז ניט צו באַשרייבן.

אַן ענגלישער קאַפּיטאַן, וואָס שפּעטער האָבן מיר אים גערופן דזשעק סמיט, האָט געעפנט אַ טויער און איז אַריין אין לאַגער. באַלד איז ער אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ מבולבלדיקע מענטשן־מאַסע. דער קאַפּיטאַן איז געשטאַנען אַ צעטומלטער און קיין זאַך ניט פאַרשטאַנען און גאָר ניט באַנומען ביז מיט אַ מאָל האָט ער אויסגערופן: „רעדט דאָ עמעצער ענגליש?" דריי פון אונדז — 17־18־יאָריקע האָבן זיך אָפּגערופן. ער האָט אונדז געבעטן אים נאָכגיין און איבערזעצן פאַר אים. אין עטלעכע שעה אַרום האָט מען אַריינגע־

בראַכט שפּייז פון וואָס איך האָב נאָר גענומען עטלעכע פענעצלעך ברויט און אַ ביסל וואַסער. דזשעק סמיט האָט אונדז דריי אָנגעבאָטן אַרבעט און צוגעזאָגט שפּייז און וווינונג. מיר דאַרפן זיך מעלדן וועדליק זיין אָנווייזונג מאָרגן אין דער פרי ביי דעם־און־דעם טויער. אַזוי ווי קיינער פון אונדז האָט ניט געהאַט קיין זייגער, האָבן מיר זיך געפעדערט כדי ניט צו פאַרשפּעטיקן און זענען דערפאַר געקומען צום באַשטימטן טויער זעקס אַזייגער אין דער פרי. ווען דזשעק סמיט האָט זיך דערוווסט וועגן אונדזער שטיין און וואַרטן גאַנצע דריי שעה און פאַרוואָס, האָט ער אונדז געבעטן גיין מיט אים אין דער געוועזענער דייטשישער צענטראַלע. דאָרט אויף טישן, בענק און אויפן דיל זענען געשטאַנען קאַסטנס מיט צירונג אויסאָרטירט מיט דייטשישער פּינקטלעכקייט: דימענטן, בראָשקעס, גאָלדענע רינגלעך און זייגערלעך און אויך קעסטלעך מיט גאָלדענע ציין, אַרויסגעריסענע פון מיילער פון טויטע וואָס ליגן נאָך ערגעץ אין אָפענע גריבער... דער קאַפּיטאַן האָט זיך געווענדעט צו אונדז: „יעדער פון אייך נעמט אַ זייגערל, וועט איר ניט דאַרפן אויפשטיין ווען די הינער שלאָפן נאָך צו זיין אין צייט צו דער אַרבעט.“

צו נעמען עפּעס וואָס איז ניט מיינס איז פאַר מיר זייער שווער, און נאָך פּיינלעכער איז ניט צו וויסן וועמעס האַנט ס'האָט דאָס זייגערל געטראָגן און צי לעבט זי נאָך ערגעץ... מיין בליק איז געפאַלן אויף אַן אַלט פאַרזשאַווערט ביליק זייגערל. איך האָב דאָס גענומען אין האַנט, אַ דריי געטאָן דעם אָנציער און דאָס רגע־ווייזערל האָט זיך אָנגעהויבן באַוועגן. איך האָב פאַרשטייפּט דאָס אָפּגעטראָגן רימענדל אַרום מיין געלענק מיט אַ שווערן זיפץ פון מיין האַרצן אַרויס.

אָט דאָס זייגערל האָט אַרומגעוואַנדערט מיט מיר דורך דער ביטערער נאָך־מלחמה צייט. מיך געפירט אין צייט צו אידענטיפיצירן אַרום פערציק ס.ס. שומרים פון סאָסעל לאַגער, וועמעס נעמען איך האָב פאַרגעדענקט מ'זאָל זיי איצט אַרעסטירן. דאָס זייגערל איז געווען מיט מיר ווען איך בין אַריבער די גרענעץ קיין האָלאַנד, נאָך דעם קיין פראַנקרייך, קיין פאַריז. צוזאַמען זענען מיר אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק אין מערץ 1946. איך האָב דאָס זייגערל געטראָגן ביז מיין חתונה אין נאָוועמבער 1946, ווען מיין מאַן האָט מיר געקויפט אַ ניי זייגערל.

יאָרן איז דאָס פאַרוואָרלאָזט זייגערל שטיל אין אַ פּושקעלע געלעגן — אַ שטומער דערמאָנען פון אַ טרויעריקער צייט וואָס לאָזט זיך סיי ווי ניט פאַרגעסן...

דער יונגערמאַן האָט פאַרענדיקט מאַכן דעם חשבון, אויסשרייבן אַ קבלה און אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו מיר. אַ ווייליניקע האָב איך אים אָנגעקוקט מבולבל, מיינע פינגער שטייף איינגעקלאַמערט אין זייגערל. „זאָל איך זיך ניט שיידן מיט אָט דעם שטומען טרויער, אַז מיינע קינדער זאָלן דאָס ירשענען?“ און — און איך האָב דאָס געלאָזט פאַלן אין דער וואַרטנדיקער דלאָניע.

מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים
בעטן מיר אַלעמען צו ווענדן זיך צו אונדזער פינאַנץ־סעקרעטאַר:

**G. FRYDMAN**

33 7½ North Hayworth Ave. • Los Angeles, Calif. 90048
Phone: 655-1292
פאַרוואַלטונג „חשבון“